# א מעשה'לע

גליון י"ח

פרשת דברים תשפ"ו

וועכענטליכע גליון
געאייגנט פאר קינדער

## מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אַלֶעס בַּאקוּמֶען

בַּיי דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה הָאבְּן דִי נַאצִּיס יִמַּח שְׁמָם גֶענוּמֶען אַלֶע אִידְן, זֵיי אַרַייְנְגֶעלֵייגְט אִין אַ פַארְמַאכְטֶע לַאגֶער אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט שְׁטֶעכֶעדִיגֶע דְרָאטְן, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְלוֹיפְן פוּן דָארְט. זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעטוּן אַלֶע אִידְן מִיט פַארְשֶׁעמְטֶע קְלֵיידֶער, אַזוֹי וִוי מֶען טוּט אָן אַרֶעסְטַאנְטְן אִין תְּפִיסָה, אַלֶע אִידְן הָאבְּן גֶעדַארְפְט הָאבְּן אַ גֶעלֶע שְׁמַאטֶע מִיט אַ מָגֵן דָוִד, אוֹיךְ הָאבְּן זֵיי אָפְּגֶעשׁוֹירְן אַלֶע אִידְן דִי הֵיילִיגֶע בָּארְד אוּן דִי הֵיילִיגֶע פֵּיאוֹת.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד מִיטְ'ן נָאמֶען רֶבִּי יִצְחָק בְּרֵייטֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, מֶען הָאט אִים גֶעכַאפְּט אוּן גֶענוּמֶען אִין לַאגֶער, דָארְט הָאט מֶען יֶעדְן אוֹיסְגֶע'שׁוּרָה'ט אוּן



דִי שֶׁערְל הָאט זִיךְ צֶעבְּרָאכְן

גֶעזָאגְט אַז מֶען גֵייט יֶעצְט יֶעדְן אֵיינֶעם אָפְּשֶׁערְן דִי הֵיילִיגֶע בָּארְד אוּן דִי הֵיילִיגֶע פֵּיאוֹת. רֶבִּי יִצְחָק הָאט גֶעוְוִיסְט פוּן תְּפִלָּה, עֶר הָאט גֶעוְוִיסְט אַז וָואס מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּאקוּמְט מֶען, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן: ”הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, רַאטֶעוֶוע מִיךְ מֶען זָאל מִיךְ נִישְׁט אָפְּשֶׁערְן דִי בָּארְד אוּן פֵּאוֹת”; עֶר הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶעזָאגְט הוּנְדֶערְטֶער מָאל.

דֶער נַאצִי יִמַּח שְׁמוֹ קוּמְט נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער, עֶר שְׁנַיידְט אָפּ פוּן דִי הֵיילִיגֶע אִידְן דִי הֵיילִיגֶע בָּארְד אוּן דִי הֵיילִיגֶע פֵּאוֹת, אוּן דֶער רֶבִּי יִצְחָק הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ זָאגְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: ”הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, רַאטֶעוֶוע מִיךְ, מֶען זָאל מִיךְ נִישְׁט אָפְּשֶׁערְן מַיין הֵיילִיגֶע בָּארְד אוּן הֵיילִיגֶע פֵּאוֹת”; עֶר קוּמְט שׁוֹין נֶענְטֶער, עֶר שְׁטֵייט שׁוֹין בַּיי רֶבִּי יִצְחָק

אוּן... בּ ו ו ו ם...! דִי שֶׁערְל הָאט זִיךְ צֶעבְּרָאכְן.

דֶער עֶס עֶס יִמַּח שְׁמוֹ וֶוערְט גֶערֶעגְט, עֶר הוֹיבְּט אָן שְׁרֵייעֶן, עֶר וֶוערְט אִין כַּעַס, עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ פַארְרֶעכְטְן דִי שֶׁערְל, אָבֶּער עֶס גֵייט נִישְׁט, רֶבִּי יִצְחָק אִיז גֶעבְּלִיבְּן מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע פֵּאוֹת אוּן הֵיילִיגֶע בָּארְד.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, וָואס מִיר ווִילְן אוּן וָואס מִיר דַארְפְן - גֵייעֶן מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס ווִי דָאס גֵייט מֶען נִישְׁט קֶענֶען בַּאקוּמֶען.

לָאמִיר זִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם: ”אַ תְּפִלָּה, אַ תְּפִלָּה - אוֹיף דַיין אֵייגְן שְׁפְּרַאךְ, מִיט תְּפִלָּה מִיט תְּפִלָּה - בַּאקוּמְט מֶען יֶעדֶע זַאךְ, מִיט תְּפִלָּה מִיט תְּפִלָּה - וֶועסְטוּ נִיסִים זֶען, מִיט תְּפִלָּה מִיט תְּפִלָּה - יְשׁוּעוֹת וֶועט גֶעשֶׁען”.

# ספר המידות

## תְּפִלָּה - חלק א'

כח. עַל יְדֵי הַתְּפִלָּה יָכוֹל לְשַׁנּוֹת אֶת הַמַּזָּל

כח. אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען מֶען טוּישְׁן דֶעם מַזָּל.




קול ברסלב

212.444.9191
845.351.0910

צו באקומען דעם גליון רופט קרן הדפסה היכל הקודש: 718.387.2691